בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
פ"ז

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

די בריוו פון ר' נתן'ען

"תיכף כשהיה צר לו איזה דבר ביהדותו..."

דער איינבינדער פון טעפליק

א מחשבה פון געלט...

אנווייזונגען צו פירן דעם געשעפט

'משא-ומתן' - ביי יעדן אין זיין דרגה

זיך אַנטזאגט פון זיין שוחט

גע'אסר'ט די שחיטה

"וכולם מזומנים לסופרים ולדיינים"...

הלוואי וואלט איך דאס נישט געהאט...

"זכור ואל תשכח את אשר הקצפת..."

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ #87

מכון טעם זקנים שיחתו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
יוסף מענדל האס
מאנסי ארה"ב
1-845-200-0443
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה
(MP3) של השיעור, יש לפנות
דרך האימייל:
Rlyb148@Gmail.Com

ניתן לקבל את הקונטרסים דרך
הדואר (בכל שבועיים) במחיר
חודשי של $15 עבור הוצאות
עריכת הקונטרסים
נא לפנות אל מס'
(+1) `347-232-7166

# ⁓ פרשת יתרו, שנת תשל"ה ⁓

(טייפ מס' 73#)

## די בריוו פון ר' נתן'ען

(חסרה) די בריוו האבן שוין אסאך אידן מקרב געווען צום אויבערשטן - די בריוו פון ר' נתן'ען!

עס זענען דא וואס זענען געווארן מקורב דערפון נאך מער ווי די תורות, אזעלכע בריוון, אזעלכע בריוון, דאס התקרבות צום אויבערשטן...!

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: ווי אלט איז ר' יצחק געווען ווען ער האט געשריבן די בריוון?) ר' יצחק איז געבוירן געווארן תקס"ח. עס שטייט אין ימי מוהרנ"ת[א] אז ער איז געבוירן געווארן תקס"ח, פאר פסח. עס שטייט דארט ארוים: 'חותני הצדיק' איז דעמאלט געווען שלאַף, ער האט נישט געקענט ארייננגיין זיין סנדק.

תרכ"ח איז ער געקומען קיין ארץ ישראל און ער איז נפטר געווארן שנת תר"ל (י"ד אדר א'). ער איז אלט געווען זעכציג יאר ווען ער איז געפארן קיין ארץ ישראל [ר' נתן האט אים (נישט געהייסן) [געהייסן נישט] פארן פאר די זעכציג יאר], קומט אויס, אז אום תקצ"ח איז ער אלט געווארן דרייסיג יאר!

❖

איך האב געפרעגט אמאל ר' אברהם ר' נחמן'ס - ער האט דאך גוט געקענט ר' יצחק - 'וואספארא מענטש איז געווען דער ר' יצחק?' האט ער געזאגט אזוי: "ער איז געווען דבוק אין דעם אויבערשטן תמיד; טאמער האט ער אפגעלאזט אמאל די מחשבה (מדביקות), האט ער שוין געריסן שטיקער פון דעם פאטער: די מחשבה, די מחשבה!".

- האט ער שוין איינגעלייגט די וועלט אזוי אויף די מחשבה: די מחשבה, די מחשבה!

---

[א] אות כ"ז, עיי"ש.

אזוי מיינט מען דאך, איך וויים - ער האט געהאט מחשבות... (אבל באמת כנ"ל[ב]).

דער רוקח ברענגט [איך האב עס נישט געזעהן, נאר זיי זאגן אז דער רוקח ברענגט אזוי] - דער רוקח איז דאך א ראשון - ברענגט ער: אויב מען האט א מחשבה זרה אינמיטן שמונה עשרה, איז 'כאילו הכנים צלם בהיכל'![ג]

אז מען האט א מחשבה זרה אינמיטן שמונה עשרה, איז גלייך ווי מען האט אריינגעבראכט א צלם אין היכל! מנשה האט געבראכט א צלם אין היכל - אזוי האט דאך גע'רעש'ט דארט אין די וועלט, א געוואלד!

"והמסכה צרה כהתכנס"[ד] - די שכינה האט נישט געהאט וואו צו זיין (כביכול)! דער רוקח ברענגט אזוי. שארף, שארף!

מען רעדט דאך פון צדיקים, זיי האבן אזוי געהאלטן דעם מח, די מחשבה; אז מען נעמט אריין (א מחשבה זרה) אין מח, איז כצלם בהיכל! די גרויסע ערליכע אידן האבן טאקע איינגעלייגט די וועלט (אויף דעם).

❖

[ב] עי' בעלים לתרופה בההקדמה של הרב מטשעהרין זי"ע, מה שכתב שם: "... אל יפול לב אדם עליו בראותו מה שהרבה (ר' יצחק) לאונן ולקונן ולהתמרמר כל כך על רבוי מחשבות הטורדות וכו' כי הכל היה רק מחמת גודל תומתו וצדקתו, על כן היה נבהל ונחפז ונחרד מאד מאיזהו פגם כל שהוא אפילו רק במחשבה לבד ואפילו בשוגג ובאונס, כי שגגות דומות לו כמזידות, וקלות דומות לו כחמורות, וכעין שאמרו רז"ל (חגיגה יד). ומזה בעצמו יוכל המעיין באמת להתפלא מאד ביותר על גודל תומתו וצדקתו ויראתו וחסידותו של אביו הרב רבי נתן ז"ל, כי לא רצה להקל עליו כלל גם בזה, ולהשיב לו בקצרה מה אתה מדקדק ומרעיש העולם כל כך בכל פעם בדבר שרוב העולם נכשלים בו בכל יום, כמו שאמרו רז"ל (בב"ב קסד:). והוא לא רצה להקל לו בזה כלל, רק אדרבא הסכים לדבריו שבוודאי צריכין לצעוק מרה על זה הרבה מאד מאד!", וכו', עיי"ש.

[ג] עי' ספר תולדות אהרן (ליקוטים חדשים) וז"ל: "שמעתי ממורי הרה"ח המפורסם מו"ה לוי יצחק זצוק"ל אבד"ק בארדיטשוב נבג"מ שאמר: שאסור לאדם לחשוב מחשבות רעות ח"ו ומחשבות חוץ ח"ו כי המוח של אדם הוא קודש הקדשים ושם הארון והלוחות והרי הוא מעמיד צלם בהיכל! רק צריך תמיד לחשוב יראת ה' וגדולתו ית' ותורה הקדושה" וכו' עכ"ל. וכמו"כ מובא בזה בספר 'פלא יועץ' להרב אליעזר פאפו, ערך 'בר לבב'.

[ד] ישעי' כח, כ; עי' גמ' סנהדרין קג:

# "תיכף כשהיה צר לו איזה דבר ביהדותו..."

דער רבי זאגט טאקע אין תורה ד'[ה]: "**אכלה טינא באוסייה**" - א "שרץ קטן בנחיריו". זאגט דער רבי, עס איז אים מבלבל בתפילתו, אינמיטן די תפילה איז דארטן דא עפעס א שטיקל וואס איז אים מבלבל די תפילה, דאס הייסט א שרץ קטן.

"שנתערב שרץ, היינו טומאה, בתפילתו ועבודתו, ובילבל אותו - און דער איש הישראלי האט נישט געקענט לעבוד עבודתו תמה. וואס האט דער מענטש געטאהן? האט ער געטאן די דריי זאכן: 'וידוי דברים' און 'צדקה' און 'התקשרות צום צדיק'".

אנגעהויבן האט זיך עס פון א תפילה, עס האט זיך אריינגעזעצט - 'אכלא טינא באוסייה' - א 'שרץ קטן בנחיריו'; 'נחיריו' מיינט מען תפילה, (עשה"כ:) "ותהילתי אחטם לך" - און עס האט אים מבלבל געווען די תפילה; וואס ה

אט דער מענטש געטאהן? האט ער געטאן די דריי בחינות - פארוואס? ווייל ער האט נישט געקענט דאווענען.

דער רבי האט טאקע געזאגט אמאל צו רבי נתן'ען (והֶראה בידו על איזה איש מסויים:) דער מענטש - פונקט האט דער רבי גערעדט מיט ר' נתן'ען (בשעת יענער איז אנגעקומען) - **ווען עס ווערט אים עפעס ענג אין דאווענען, גייט ער דורך צופים צום רבי'ן, און פרעגט דעם רבי'ן אן עצה צום דאווענען און גייט קריק אהיים!**[ו].

---

[ה] שם אות ט': "וחזינן האי כוורא דיתבי ליה אכלא טינא בנחיריו - זה בחינת תפלתן של ישראל, כמו שכתוב (ישעיהו מ"ח): "ותהלתי אחטם לך", שנתערב שרץ, היינו טומאה בתפילתו ועבודתו ובילבל אותו. ולא היה יכול איש הישראלי הזה לעבוד עבודתו תמה. מה עשה האיש הזה? עשה שלש בחינות הנ"ל. היינו התקשרות להצדיק ונתינת הצדקה וודוי דברים" וכו', עיי"ש.

[ו] עי' חיי מוהר"ן שכ"ח-שכ"ט: "כשהייתי בנעמירוב והיה דרכי לנסוע אליו ז"ל לברסלב. פעם אחת סיפרו לי בשמו שאמר והקפיד על שנוסעים אליו בעגלות, ואין הולכים אליו רגלי. ונכנס בלבי אותו הדבר הרבה, כי ידעתי שבוודאי כך ראוי ויפה לנו לילך אליו רגלי דייקא, והייתי משתוקק לזה. וסיבב השם יתברך וזכיתי לילך אליו ברגליו שלש פעמים, ואלו השלש פעמים הרווחתי על ידי מה שהלכתי ברגלים כאשר אני יודע בעצמי, שבאלו השלש פעמים אם לא הייתי מתגבר לילך רגלי, לא הייתי כלל אצלו באלו השלש פעמים. ברוך הטוב והמטיב לרעים ולטובים שזכינו לזה. ומה שהרווחתי ביחוד באלו השלש פעמים מעט מזה אני יודע בעצמי, כי אני זוכר עדיין מה ששמעתי אז, ויתר מזה אם אזכה אבחין לעתיד לבוא. וכן חברי רבי נפתלי הלך גם כן ברגליו מחמת ששמע דברים הנ"ל, ושאר החברים היו בהם כמה עניים שהלכו כמה פעמים אליו ברגליהם דרך רחוק, אשריהם אשרי חלקם. אבל אנחנו תהילה לאל היו לנו על הוצאות כי היינו

ער איז געווען אן ארימאן, ער איז געגאנגען צופיס צום צדיק, אהין עטליכע שעה און צוריק עטליכע שעה, פרעגן אן עצה צום דאווענען, ער קען נישט דאווענען, עס דאוונט זיך נישט!

מסתמא האט ער נישט געהאט אונזערע נארישקייטן, ער איז געווען פון די גרויסע ערליכע אידן, אבער אז ער קען נישט דאווענען - 'מה עשה האיש הזה?' - וואס טוט דער דאזיגער מענטש?

(אחרים חושבים לעצמם:) אז איך קען נישט - קען איך נישט, וועל איך נישט קענען עסן קיין קוגל? ניין! (אבל האיש הזה היה דואג) - 'מה עשה האיש הזה?'!

ער איז געגאנגען צופיס, אפאר שעה אהין און קריק, ער האט נישט אויף הוצאות - היינט איז דא טעקסים, מען פארט, דעמאלטס איז נישט געווען, מען האט נישט געהאט, ער איז געגאנגען צו פיס[י].

❖

אז בני עשירים, רק מגודל ההשתוקקות עזרנו השם יתברך שגם אנחנו הלכנו ברגלינו דייקא איזה פעמים כנ"ל, ועיין בהלכות יבום וחליצה מה שכתבתי בזה" (עי' הערה באות הבא).

"שמעתי בשמו שאמר על אחד שבא אליו רַגלי שאמר אז: ומה אם נבוכדנאצר הרשע שבשביל שהלך שלש פסיעות ברגליו זכה למלוכה וממשלה גדולה מופלגת כזאת, כשאחד מישראל הולך להצדיק פרסה ויותר, כמה וכמה יזכה על ידי זה, עין לא ראתה!. כמדומה שאמר זאת על איש אחד מטירהאוויצע שהיה דרכו בכל עת לבוא אליו רגלי מטירהאוויצע לברסלב שהם ארבע עשרה פרסאות שלנו הגדולים, ופעם אחת עמדתי לפניו ז"ל בעת שבא אליו רגלי האיש הנ"ל מטירהאוויצע, וסיפר לי הוא ז"ל שבעת שצָר לזה האיש הנ"ל בעבודת השם, הוא הולך ברגליו משם לכאן! והבנתי שהוטב זאת בעיניו ז"ל מאד. וכן פעם אחת נפטר לעולמו אחד מבני הנעורים מנעמירוב שהיה ממקורביו, וסיפר הוא ז"ל גם כן בשבחו ואמר עליו, שדרכו היה, שתיכף כשהיה צר לו באיזה דבר ביהדותו, הלך ברגליו משם לכאן, אשרי להם!".

[י] עי' ליקו"ה גיטין ה"ד, אות י"א: וזה בחינת גודל המעלה והזכות שאין לו שיעור של אנשים הכשרים החסים על חייהם הנצחיים, המשתדלים להציל ולמלט נפשם מני שחת, שהם הולכים ברגליהם דייקא לקבל פני רבם, כי עיקר ההליכה אל הרב הוא כדי לזכות להשגות אלקות, כמו שמבואר בהתורה הנ"ל שצריך כל אחד לבקש מאד מאד רבי אמת כזה שיוכל להאיר בו השגות אלקות וכו', עיין שם, על כן צריכין לילך ברגליו דייקא כדי לתקן הרגלין, שהם בחינת חכמה תתאה, בחינת הצמצומים והסבובים הנ"ל שאי אפשר לזכות להשגות אלקות כי אם על ידי זה כנ"ל, (ועיין בספר חיי מוהר"ן מה שמובא מזה).

# דער איינבינדער פון טעפליק

און דער איינבינדער פון טעפליק, אן ארימאן, איז ער געגאנגען אלע ערב ראש חודש צום רבי'ן, צופים, פון טעפליק - אהין און קריק צופים, א גאנצן טאג געגאנגען.

(ר' משה בינענשטאק: ווי ווייט איז אומאן פון טעפליק?) פינעף-און-דרייסיג קילאמעטער.

[איך בין געגאנגען אמאל צופים מערער שוין: ווען עס איז געווען די באנדעס בין איך געגאנגען צופים מערער ווי פינעף-און-דרייסיג קילאמעטער!].

נו, א מענטש האט געהאט אין זיך א 'וועג' - אלע ערב ראש חודש! ער איז אפילו נישט אריינגעקומען אין קלויז אריין, נאר געגאנגען צום רבי'נס ציון און געגאנגען צוריק, אמאל האט מען אים געכאפט דארטן אויפן ציון - און אמאל נישט.

ער האט געהאט זיין קביעות, אן ארימאן, אוי, ער איז געווען מדוכה (ביסורין), דארטן (באוקריינא) איז געווען ארימעלייט, דער אויבערשטער זאל אפהיטן, אזעלכע ארימעלייט זעהט מען נישט! זיין פנים האט אויסגעזעהן ווי א מת...

(רמ"ב: איר האט אים געקענט?) יא, ער האט אונטערגעהאלפן ר' נחמן נעמירובער (ששימש כבעל תפילה אצל אנ"ש באומן).

ער איז געווען זיינער א משורר, ער האט אים אונטערגעהאלפן, ער האט אונטערגעברוטשקעט, אזוי, דער גאנצער עולם האט נישט געוואלט ליידן - ער האט גארנישט געקענט, די טשעהרינער גבירים האבן אים געוואלט אוועקטרייבן...

(רמ"ב: ר' נחמן האט אים געבעטן אז ער זאל אים אונטערהעלפן?) ער האט זיך אליין (אנגעטראגן), ער האט זיך אוועקגעזעצט און אונטערגעהאלפן, ר' נחמן האט אים נאך געגעבן דערפאר אויך (עפעס געלט) - און זיי האבן אים געוואלט אוועקטרייבן, (ואמר ר' נחמן:) 'טשעפע נישט, ער איז אן ערליכער איד'!

ער איז געזעצן דארטן מיט א בענקל - לעבן ר' נחמן, אן איינבינדער, אן ארימאן, אלע יארן געווען מדוכה (ל"ע).

❖

(רח"ש: ר' נתן שרייבט דארטן אין די בריוו אז דאס [מה שעבר על ר' יצחק] אלעס איז דורכגעגאנגען אויף אלע צדיקים![ח]) **יא יא, אוודאי אזוי!**

אט די - זיי זענען מקושר צום תכלית און זיי האבן אינזין דעם תכלית, פאר זיי רעדט רבי נתן![ט]

צו אזעלכע מענטשן רעדט רבי נתן, זיי דארפן האבן א 'ליקוטי הלכות', זיי דארפן האבן 'תפילות', זיי דארפן האבן 'התבודדות' - זיי דארפן אלעס האבן! זיי זוכן נאך און נאך - וויפיל עס איז דא איז נאך פאר זיי ווינציג, ער ראטעוועט זיך און ראטעוועט זיך![י]

פון די מענטשן הערט מען גאר עפעס אנדערש, דאס איז גאר אן אנדער סארט וועג!

---

[ח] עי' מכתב תנ"ה, וזל"ש: וְתֵדַע וְתַאֲמִין שֶׁכָּל מַה שֶׁעוֹבֵר עָלֶיךָ כְּבָר עָבַר עַל כַּמָּה וְכַמָּה צַדִּיקִים גְּדוֹלִים וּכְשֵׁרִים, כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ מַעֲשִׂיּוֹת נוֹרָאוֹת בְּעִנְיָן זֶה שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְבָאֲרָם עַל פְּנֵי הַשָּׂדֶה. וְגַם עַתָּה עוֹבְרִים יוֹתֵר וְיוֹתֵר מִזֶּה עַל כַּמָּה וְכַמָּה... וְכַמָּה וְכַמָּה שָׁקְעוּ רַחֲמָנָא לִצְלַן עַל יְדֵי זֶה עַל יְדֵי שֶׁאֵין לָהֶם מִי לְחַזְּקָם בֶּאֱמֶת! וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר וְלֵידַע מַה שֶּׁנַּעֲשֶׂה בָּזֶה עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד... וּמַה נָּשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלֵינוּ אֲשֶׁר זָכִינוּ לְקַבֵּל דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁהֵם יְכוֹלִים לְהַחֲיוֹת גַּם אוֹתְךָ וְהַגְּרוּעִים מִמְּךָ הַרְבֵּה יוֹתֵר וְיוֹתֵר! לוּלֵא ה' שֶׁהָיָה לָנוּ בְּעִנְיָן זֶה כְּבָר אָבַדְנוּ בְּעָנְיֵנוּ לוּלֵא ה' עֶזְרָתָה לִּי וְכוּ'.

[ט] עי' כוכ"א, אנשי מוהר"ן, דיבורים ממוהרנ"ת י"ג: "בְּעֵת שֶׁשָּׁלַח לְהַדְפִּיס אֶת סִפְרוֹ לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת עָנָה וְאָמַר: מִזֶּה שֶׁאֵינוֹ חוֹשֵׁב עַל תַּכְלִיתוֹ הָאַחֲרוֹן מַה יִּהְיֶה בְּסוֹפוֹ כְּשֶׁיִּהְיֶה שׁוֹכֵב עַל הָאָרֶץ וְכוּ', מִזֶּה אֵינוֹ מְדַבֵּר כְּלָל, כִּי זֶה הוּא דּוֹמֶה לִבְהֵמָה מַמָּשׁ. רַק מִי שֶׁחוֹשֵׁב הֵיטֵב מַה יִּהְיֶה בְּסוֹפוֹ, וְלִבּוֹ חוֹשֵׁק וְכוֹסֵף מְאֹד לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וּבְוַדַּאי נַעֲשָׂה עִמּוֹ מַה שֶּׁנַּעֲשָׂה, כִּי הַהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מְאֹד כַּיָּדוּעַ לָנוּ, בִּשְׁבִיל זֶה הָאִישׁ חִבַּרְתִּי אֶת סִפְרִי, כִּי אוֹתוֹ יְחַזְּקוּ דְּבָרַי וְאוֹתוֹ יְאַמְּצוּ" (כַּמּוּבָן כָּל זֶה לְבָקִי בִּדְבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים).

[י] עי' ליקו"ה ראש השנה ה"ו, אות ז': "והכלל כי בוודאי מי שאינו חפץ כלל לשוב ואינו מתעורר כלל לחשוב על אחריתו ותכליתו הנצחי בוודאי לא יועיל לו שום עצה ותחבולה. אבל מי שיש לו מוח בקדקדו ומשים אל לבו קצת מה שעשה בעולם ואיך הוא חולף ועובר ביגון ואנחה וצער וכעס ומכאובות וכו' וסופו לעפר ישוב. ומה יעשה ליום פקודה וכו'. רק שנדמה לו שאי אפשר לו עוד לשוב כי יצרו תקפו והמניעות מהפרנסה ומהחולקים והמלעיגין ומאשתו ובניו וכו' רבו מאד מאד עד שיש שבאמת קשה מאד מאד ליתן להם עצה טובה ודרך ישרה איך לשוב. אליהם תיטוף מלתי ועמהם אנו עוסקים לדבר באמת ובתמים. שעיקר העצה שיאמין שהבקשה והחיפוש בעצמו יקר מאד מאד!".

(טייפ מס' 103#)

# א מחשבה פון געלט...

(חסרה, שיחה אחר לימודו בתורה כ"ג) **דער רבי איז געזעצן ביים טיש, ביי שלש סעודות** (ואמר התורה הזאת - תורה כ"ג) - **עס איז אריינגעקומען דארט א סוחר** (באמצע של"ס לדבר עם ר' ליפא מאנשי רבינו) - **ער** (ר' ליפא) **האט געהאנדלט מיט האניג - האט דער רבי דאס דערמאנט שוין אין די תורה; דער רבי האט געזאגט: 'ולבתר קטילת לון'**[יא]**.**

**ער** (ר' ליפא) **איז געווען א מענטש, נישט קיין סתם מענטש, ער איז מקורב געווארן נאך פאר ר' נתן'ען, ר' נתן איז מקורב געווארן דורך אים**[יב]**, ער איז געווען א כלי.**

**זיצן ביים רבי'נס טיש ביי שלש סעודות** (ולדבר ממסחר - זה לא היה דרך כבוד כל-כך...)**.**

**ר' ליפא, ר' נתן'ס א חבר, א למדן, א כלי - נאר...** (נָפַל אח"כ בתאוות ממון) [יג]**.**

---

[יא] עי' בליקוטי עצות ערך 'ממון ופרנסה', אות ט"ו, ע"פ תורה זו, וזל"ש: "וְדַע, שֶׁכָּל הַמָּמוֹן וְהָעֲשִׁירוּת שֶׁל הָעֲשִׁירִים שֶׁאֵינָם כָּרָאוּי, וְאֵינָם נוֹתְנִים צְדָקָה כָּרָאוּי לָהֶם לְפִי עָשְׁרָם, וּמְשֻׁקָּעִים בְּחֶמְדַּת הַמָּמוֹן וְטִרְדַּת הַזְּמַן תָּמִיד, כָּל הַמָּמוֹן וְהָעֲשִׁירוּת שֶׁלָּהֶם הִיא בְּחִינַת שְׂחוֹק הַכְּסִיל, שֶׁהַמָּמוֹן מְשַׂחֵק עִמּוֹ, כְּמוֹ שֶׁמְּשַׂחֲקִין עִם הַתִּינוֹק בְּמַטְבְּעוֹת, וְאַחַר כָּךְ הוֹרֶגֶת אוֹתוֹ הַמָּמוֹן בְּעַצְמוֹ. וְכַמּוּבָא בְּתִקּוּנִים: שְׂחוֹק הַכְּסִיל מָאן כְּסִיל דָּא אֵל אַחֵר וְכוּ' וְאִיהוּ אַסְכְּרָה לְרַבְיָא דְּאִנּוּן חַיָּבַיָּא, חַיְּכַת בְּהוֹן בְּעוּתְרָא בְּהַאי עָלְמָא וּלְבָתַר קְטִילַת לְהוֹן!... וְשִׂים לִבְּךָ הֵיטֵב לִדְבָרִים אֵלֶּה, כִּי כַּמָּה וְכַמָּה נְפָשׁוֹת שָׁקְעוּ בָּזֶה, אוּלַי תּוּכַל לִבְרֹחַ לְצַדִּיקֵי אֱמֶת לְהַצִּיל עַצְמְךָ מִשֶּׁטֶף מַיִם רַבִּים הָאֵלֶּה שֶׁל תַּאֲוַת מָמוֹן, שֶׁבָּא עַל־יְדֵי תַּאֲוַת נִאוּף, שֶׁלֹּא יִגְּעוּ אֵלֶיךָ, וְהָיְתָה לְךָ נַפְשְׁךָ לְשָׁלָל וְתִזְכֶּה לְחַיִּים אֲמִתִּיִּים בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא!".

[יב] עי' כוכ"א, אותות ומופתים שנראו מאדמו"ר ז"ל, אות ל.

[יג] עי' בשיח שרפי קודש חלק ג', אות תקצ"א, מובא סיפור הדברים כמתכונתו: "לר' ליפא היה חלק גדול בהתקרבות מוהרנ"ת לרביז"ל כמבואר לעיל, ומחמת שנפל לתאוות ממון התרחק אח"כ מרבינו, כי פעם כשישבו בסעודה שלישית אצל רבינו (וכבר היה לאחר זמן יציאת השבת), נכנס סוחר אחד באמצע אמירת התורה של רבינו וקרא לר' ליפא החוצה, ויצא אליו ר' ליפא ודיבר עמו בענייני עסקיהם במסחר הדבש שהיה להם; והיה זה בזיון גדול שחשב על ממון ועסק במסחר באמצע עריכת השולחן ואמירת התורה אצל רבינו, ורבינו הצטער מכך; ובתוך כך הזכיר רבינו את מאמר התיקונים (תיקון ג' מהי"א תיקונים אחרונים, דף קמ.) המובא בתורה "צוית צדק" שבסי' כ"ג (באות ה'): "חייכית בהון בעותרא בהאי עלמא, ולבתר קטילת לון" - "הקליפה משחקת בהם בעשירותם בזה העולם, ולבסוף הורגת אותם". ונתקיים דיבור זה בנכדו של ר' ליפא, ר' משה ווֶעלוול, שפע"א נסע בכרכרתו עם עגלונו הגוי שעבד אצלו זמן רב, ובאמצע הדרך סטה העגלון מן הדרך ופנה לתוך יער עבות, והתנפל עליו להרגו, ור' משה ווֶעלוול הרי ידע מרבינו, על-כן התיישב בדעתו לבקש שיעשה לו עוד טובה אחת בזה העולם ויַרשה לו להתפלל תפילת מנחה לפני מיתתו, והסכים העגלון הגוי להפצרתו; ובכה הרבה באותה תפילת מנחה בבכיות נוראות ובהשתפכות הנפש להשי"ת, ותוך כדי תפילתו ובכיתו התחרט העגלון מלבצע זממו, וביקש את סליחתו. כשחזרו לביתם אמר לו ר' משה ווֶעלוול: "מודה אני

ר' נתן האט אמאל געריעדט א שמועס פון תאוות ממון, האט ער זיך אנגערופן: "א מחשבה פון געלט איז אזוי ווי אן הרהור!"[יד] (עבירה, רח"ל) - איז געווארן א פחד אויף אונזערע לייט, (ואמרו לו): 'רבי נתן, ווי קען מען האנדלען? ווי קען מען האנדלען?' - אזוי שארף האט ר' נתן געזאגט: "א מחשבה פון געלט איז אזוי ווי א הרהור!"

- האט ער זיך אנגערופן אזוי: "די מחשבה וואס עס וועט זיך דיר דורכוואַרפן דורך דעם צענטן מח, איז אויך גענוג אויף צו האנדלען!".

(לפי זה) פארשטייט מען, אז (אפילו ווען) די מחשבה איז אזוי ווינציג, עס ווארפט זיך דורך, איז דאס אויך גענוג אויף צו האנדלען[טו].

דער (עיקר פגם ה-)מחשבה פון געלט איז נאר, אז ער מיינט, אז ווען ער האנדלט דארף מען טראכטן פריער און שפעטער - (אבל מן הנכון שרק) בשעת דו דארפסט טראכטן זאלסטו טראכטן!

❖

## אנווייזונגען צו פירן דעם געשעפט

רבי יצחק (בן מוהרנ"ת) איז אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל, האט ער זיך געזעגנט מיט די קינדער - צוויי טייערע קינדער - ר' מיכלע מיט ר' דוד צבי - האט ער זיך געזעגנט און האט אזוי געזאגט: בשעת איך בין אריין אין די פאסט (- דואר, שהיה תחת הנהלתו לצורך פרנסתו) האט דער טאטע מיר געלערנט ווי אזוי איך זאל פירן די פאסט - ער האט מיר אזוי געזאגט: "דו דארפסט דאך גיין אלע טאג צום מנהל (אויפזעהער); איז בשעת דו דארפסט גיין אויפן וועג צו אים זאלסטו נישט טראכטן וואס דו זאלסט רעדן מיט אים, נאר דו זאלסט זיין דבוק אין דעם אויבערשטן; און בשעת דו דארפסט רעדן מיט אים, זאלסטו זיך גוט צוהערן, ווארום דאס איז געלט (דיני ממונות, כי אנשים היו

---

לך מאד על רחמנותך שלא הרגתני, אולם לעבוד אצלי יותר אינך יכול", ופיטרו; אולם אח"כ הרג נכד העגלון הנ"ל את ר' משה וועלוול זה, ונתקיים כאמור דיבור רבינו שרמז לכך כשהזכיר את מאמר התיקונים "ולבתר קטילת לון" - "ולבסוף הורגת אותם".

[יד] עי' ליקו"מ סי' כ"ג וסי' כ"ט, שפגם הברית ותאוות ממון תלויים זה בזה.

[טו] עי' ליקו"מ סי' ר"פ: "כי באמת כשעושין משא ומתן צריך שיהיה רק חיצונית המחשבה בתוך המשא ומתן. אבל פנימיות מחשבתו צריך לקשר אל התורה!".

מפקידין מעות אצלו)**; און אז דו גייסט אוועק פון אים זאלסטו ווייטער נישט טראכטן וואס דו האסט גערעדט מיט אים, נאר דו זאלסט ווייטער זיין דבוק אין דעם אויבערשטן!".**

- (והפטיר ר' יצחק:) "אזוי האט מיר דער טאטע געלערנט און אזוי האב איך מקיים געווען אלע יארן, אזוי האב איך געפירט די פאסט; איך האב נישט געטראכט נישט פריער און נישט שפעטער, נאר בשעת איך מוז" - און ער האט זיי געזאגט אז זיי זאלן אויך אזוי טאן, ר' מיכל'ע און ר' דוד צבי, נו, די צוויי ברידערלעך...

האט נאשקע[טו] ע"ה, געזאגט: "**דער פעטער** (ר' מיכל'ע) **האט דאס מקיים געווען!**".

ער איז אלע טאג געגאנגען אין פאסט ר' מיכל'ע; מען האט געזעהן אז ער גייט אין פאסט אזוי ווי מען האט אים געהייסן...

❖

ר' דוד צבי איז נפטר געווארן, תרע"ו; ר' מיכל'ע איז נפטר געווארן, תרע"ז; ר' אברהם ר' נחמן'ס, תרע"ח.

ר' מיכל'ע, געדענק איך נאך דריי ראש השנה'ס: תרע"ה-ע"ו און ע"ז. תרע"ז איז ער נאך געווען אויף ראש השנה. ער איז נפטר געווארן אינמיטן זומער.

ר' דוד צבי (ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת) איז נאך געווען ראש השנה תרע"ה; תרע"ו איז ער שוין געווען שלאַף (חלה), ער איז נפטר געווארן תרע"ו.

איך האב אים מבקר חולה געווען, ר' דוד צבי, אין טולטשין. איך בין געפארן דעמאלט קיין מעזיבוזש און איך בין געווען אין טולטשין אויפן וועג דארט, בין איך אריינגעגאנגען - אים מבקר חולה געווען, האט ער א פרעג געגעבן פון איציקל[יז]: 'ווער איז דא?', האט ער א זאג געגעבן: 'אידן פון אומאן!' - ער האט געגעבן א טאנץ אראפ פון בעט, ער איז געלעגן שלאף: "אומאן! פון אומאן, אידן!".

---

[טו] ב"ר שכנא ב"ר דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת.

[יז] רבי יצחק בנו של רבי אברהם ב"ר דוד צבי ב"ר שכנא בן מוהרנ"ת, והיה אביו של רבי דוד צבי כוכב-לב ז"ל (שנלב"ע בשנת תשס"ח).

- (השואל: ווער איז 'איציקל'?) זיין טאטע האט געהייסן: אברעמ'ל. אברעמ'ל איז געווען ר' דוד צבי'ס (- בן ר' יצחק בן מוהרנ"ת) אן איידעם, און ער (ר' איציקל) איז געווען ר' דוד צבי'ס אן אייניקל (ע"י אמו). אברעמ'ל און ר' נחמן נעמירובער זענען געווען צוויי ברודערס - ר' נחמן דער בעל מוסף - זיי זענען געווען ר' דוד צבי'ס (ב"ר 'שכנא' כדלהלן) קינדער.

ר' שכנא (בן מוהרנ"ת) האט געהאט דריי זין; ר' דוד צבי, און ר' הערץ ר' אברהם'ס (שטערנהארץ ז"ל) פאטער, און ער האט געהאט א זון ר' נחמן - ר' נחמן ב"ר שכנא.

און אברעמ'ל (אביו של ר' איציקל הנ"ל) איז געווען ר' דוד צבי'ס (ב"ר שכנא'ס) א זון. איך האב אים (ר' דוד צבי ב"ר שכנא) שוין נישט פארכאפט; ווען איך בין געקומען (אלול ע"ד) האט ר' נחמן חזן געזאגט קדיש.

❖

## 'משא-ומתן' - ביי יעדן אין זיין דרגה

(אחד הנוכחים: דא אין ארץ ישראל - די ערליכע אידן האנדלען נישט דא, דא איז אויך דא תאוות ממון?)

דאס איז נישט קיין משא-ומתן? וואס הייסט משא-ומתן? (הנ"ל: משא-ומתן, הייסט, מען גיבט און מען נעמט צו!) אה, א הכנסה-און-הוצאה! - ביי א ישיבה מאן איז אויך אזוי; אויב מען דארף לערנען דריי שעה - איז דריי שעה; צוויי שעה - איז צוויי שעה; עס דארף זיין משא-ומתן באמונה - דעם אויבערשטן נארט מען נישט אפ!

עס איז א משא-ומתן פונקט אזוי ווי א סוחר, נאך מער ווי א סוחר, דעם אויבערשטן נארט מען אפ? דעם אויבערשטן נארט מען נישט אפ!

מיר דארפן רעדן דערפון, אז יעדער איינער האט א משא-ומתן; ער לעבט דאך, האט ער דאך א הוצאה מיט א הכנסה - הייסט דאס משא-ומתן. ער האט א משא-ומתן אויף וואס מען וועט אים פרעגן 'האסטו געהאנדלט באמונה?!'[יח] - אז נישט, קומט דאך אויס, אז מען וועט פרעגן יעדעם לפי מעלתו - קומט אויס - אז די פראגע פון משא-ומתן וועט מען נאר פרעגן פון סוחרים - און א מלמד? א מלמד איז דאך אויך

[יח] עי' גמ' שבת לא.: אמר רבא בשעה שמכניסין אדם לדין אומרים לו: נשאת ונתת באמונה?, וכו', עיי"ש.

משא-ומתן - ער האלט דאך קינדער, ער לערנט דאך מיט קינדער, ער נעמט דאך געלט! משא-ומתן באמונה - עס איז א געוואלד!

אין דעם עולם, אז א מענטש נעמט געלט און גיט אויס געלט, הייסט דאס משא-ומתן. יעדער איינער דארף וויסן ביי זיך, אז מען וועט אים פרעגן - מען וועט יעדן איינעם פרעגן די שאלה: 'דו האסט געהאנדלט באמונה?'.

מען וועט יעדן איינעם פרעגן: א סוחר, א רבי, א רב, א שוחט, א ישיבה-מאן - ער האט דאך א משא-ומתן - יעדער איינער - 'האסטו געהאנדלט באמונה?' - נישט נאר סוחרים וועט מען פרעגן די זאך.

אוי אוי, יעדער איינער רעדט זיך איין - ער רעדט זיך איין אזוי: 'וואס האב איך מורא? אז מען וועט מיר פרעגן, וועל איך ענטפערן: איך בין געווען ריין'... (- זה לא ילך ככה, אלא צריכים לפשפש בעצמו:) 'מה אשיב שולחי דבר'[יט] - וואס וועל איך אפ'ענטפערן? 'וכי יפקוד מה אשיבנו'[כ] - וואס וועל איך ענטפערן?!

זאג נישט: 'איך בין זיכער, איך וועל ענטפערן: איך בין געווען א ריינער מענטש, איך האב נישט גע'גנב'עט, איך האב נישט געטאן!' - די אידן וואס האבן זיך מיישב געווען פאר דעם אויבערשטן, די האבן גוט געטראכט: אז מען וועט מיר פרעגן, צו וועל איך האבן וואס צו ענטפערן - און צו וועט עס זיין א ריכטיגער תירוץ?!

איך רעד זיך איין, אז איך וועל ענטפערן - און שוין, יא, מען וועט אננעמען מיין תירוץ...

אוי, דארטן איז דאך אן 'עלמא דקשוט', דארטן איז אן אמת'ער וועלט!

אז מען פרעגט זיך אליין, זעהט מען שוין ביי וואס איך האלט.

אלע אידן זענען געשעפטס מענטשן - איך בין אויך געווען א געשעפטס-מענטש, יארן - איך בין געווען א מלמד.

דארטן אין רוסלאנד האט מען נישט געקענט לערנען, (זענען מיר) אנטלאפן מיט קינדער, לערנען מיט קינדער, האב איך געדארפט אפהיטן די צייט.

---

[יט] שמואל-ב כד, יג.

[כ] איוב לא, יד.

יעדער האט א משא-ומתן - מען וועט אים פרעגן צו ער האט געהאנדלט באמונה - אן אנדערן וועט מען נישט פרעגן? א רב האט נישט קיין משא-ומתן? - אה הא הא! א שוחט האט נישט קיין משא-ומתן? א געוואלד וואס הייסט א שוחט!

❖

## זיך אַנטזאגט פון זיין שוחט

דער רבי ר' אלימלך האט געהאט א תלמיד, דער נועם מגדים, טארניגראדער רב, ער האט גע'שמ'ט אין דער וועלט, ער האט געמאכט א ספר 'נועם מגדים', ער איז געווען דעם נועם אלימלך'ס א תלמיד.

עס איז געקומען צו אים א שוחט, א מומחה, א ירא שמים, נעמען ביי אים הוראה אויף שחיטה, זאגט ער אים: 'פאר צו מיין רבי'ן פריער - צום רבי'ן ר' אלימלך, און אז ער וועט הייסן, וועל איך דיר געבן. אָן אים גיב איך נישט קיין הוראה.

ער איז געווען דער רב אין טארניגראד (ואעפ"כ) האט ער געשיקט צו דעם רבי'ן רבי אלימלך פריער: דאס איז מיין רבי, אז ער וועט הייסן וועל איך דיר געבן.

איז ער געקומען צום רבי'ן ר' אלימלך, ער איז געווען א חשוב'ער יונגערמאן, א ירא שמים - מיט אלעם. (ענה לו הרבי ר' אלימלך:) גיי ארויף צו מיר אויף דעם בוידעם.

ער איז ארויפגעגאנגען אויפן בוידעם, האט ער געזעהן, עס שטייט אן אלטער איד, ער נעמט א חלף און שחט 'זיך' און פאלט, ער שטעלט זיך אויף און שחט זיך נאכאמאל און פאלט... (וכן חוזר חלילה).

(ושאל אותו הרבי ר' אלימלך:) וואס האסטו אויבן געזעהן? (כשענה לו, ענה לו הרבי ר' אלימלך פשר הדבר:) דאס איז געווען א איד, א שוחט, ער איז געווען אן ערליכער איד, נאר וואס דען? א גאנצע וואך האט ער נישט געטרינקען ווייל ער דארף דאך שחט'ן[כא]. פרייטאג נאכן מרחץ האט ער יא געטרינקען, ווייל קיינער וועט דאך נישט קומען שחט'ן נאכן מרחץ.

---

[כא] עי' שו"ע יו"ד סי' א, סעי' ח' ובנו"כ.

אמאל איז ער ארויסגעגאנגען פון מרחץ ווען ער האט געהאט געטרינקען (ובאה אצלו אחד עם עוף לשחוט אותה, וחשב בעצמו:) וואס זאל ער טאן?, אזוי פלעגט ער קיינמאל נישט טרינקען, (למעשה) האט ער גע'שחט'ן, און עס איז דעמאלט געווען א פגם (בהחלף) וואס ער האט דאס נישט דערפילט[כב], און אט דאס איז זיין עונש.

און דאס איז שוין געווען אן ערליכער איד, א שוחט, ער איז געווען גאר אפגעהיט, נאר ער איז דורכגעפאלן איינמאל מיט א מעשה פרייטאג נאכן מרחץ, איז אלע יארן שחט ער זיך (רח"ל).

האט ער געזאגט: "רבי, איך וויל שוין נישט זיין קיין שוחט!" - ער וויל שוין נישט!

פארוואס דערצייל איך די דאזיגע מעשה? א שוחט - דאס איז אזא (סארט) משא-ומתן אין די משא-ומתן וואס דו דארפסט האבן!

❖

## גע'אסר'ט די שחיטה

דער טשעהרינער רב האט חתונה געמאכט א קינד אין טשעהרין, עס איז געקומען צו גיין אלע אונזערע לייט.

עס איז געווען ר' דוד שוחט - זיין זוהן ר' נחמן שוחט איז געווען בעל תוקע, ר' דוד איז געווען פון די געהויבענע אינגעלייט, אן ערליכער איד.

האט דער טשעהרינער רב געזעהן ביים קידוש, שבת, אז ר' דוד טרינקט - שבת, האט דער רב אויסגערופן אז דוד'ס שחיטה איז טרייף - דער טשעהרינער רב.

דער ר' דוד איז געווען א יקר (מהחשובים) פון אונזערע לייט, און, ער זאגט אפ אזא מין אידן ווייל ער האט געטרינקען שבת, נישט אינמיטן דער וואך - אבער עס האט גארנישט געהאלפן, וויפיל מען האט - (פרובירט).

עס האט גארנישט געהאלפן; (וטען הרב:) ער האט א זוהן נחמן - זאל ער זיך לערנען שחיטה, ער וועט זיין (שוחט), דער רב האט געזעהן אז ער טרינקט שבת צופיל. 'טרינקען'

---

[כב] כי השתוי אין לו כח הרגשה היטב כמו שצריך.

שאקלט די האנט, עס מאכט ציטערן די האנט - האט דער רב נישט געקוקט אויף אונזערע לייט.

ר' דוד שוחט - אזא שם דבר, ער האט אים גע'אסר'ט די שחיטה און נחמן דער זוהן איז געווארן שוחט אויף זיין ארט.

❖

## "וכולם מזומנים לסופרים ולדיינים"...

פארוואס רעדן מיר דאס דאזיגער? 'משא-ומתן' - יעדער האט זיך זיין משא-ומתן: א 'רב' האט זיך זיין משא-ומתן - אה הא הא, א געוואלד; און א סופר האט א משא-ומתן (לפי ערכו).

אין ראשית חכמה שטייט אזוי[כג]: עס איז דא אן היכל, האט עס זעקס-טויזענט פענסטער, און אין יעדן פענסטער שטייען זעקס-טויזנט מלאכים, און יעדער מלאך האלט זעקס-טויזנט קריגלעך זאלץ; אזא מין זינדיגער מענטש אז מען גיבט אים אריין א קריגול זאלץ ווערט ער צעפיצלט - שטעלט מען אים צוריק צונויף און מען גיבט אים נאך א קריגל זאלץ.

פירט ער אויס, דער ראשית חכמה: זיי זענען מזומן פאר סופרים און רבנים!

פארוואס דערצייל איך דאס? אז יעדער איינער האט א משא-ומתן; און יעדער איינער אין זיין משא-ומתן דארף ער זיין זייער זייער פארזיכטיג.

❖

## הלוואי וואלט איך דאס נישט געהאט...

איין יאר בין איך געוועזן אין די מחנות (אחרי המלחמה בדייטשלאנד), איך האב געהייסן דארט א שטיקל רב, איך האב געהאט פופצן רבנים וואס יעדע שאלה האב איך אפגעשיקט צו זיי, און איך האב זיך זייער דערוויטערט (מלפסוק שאלות בעצמי) -

[כג] שער היראה, פרק י"ג, וזל"ש: "וז' מדורות יש בגיהנום ובכל מדור ומדור יש בו ששת אלפים בתים ובכל בית ובית יש בו ששת אלפים חלונות, ובכל חלון וחלון יש בו ששת אלפים כדי מרה, וכולם מזומנים לסופרים ולדיינים...".

פונדעסטוועגן טוט מיר גוט באנק אויף דעם יאר אויך - הלוואי וואלט איך דאס יאר נישט געהאט געמאכט...

איך האב זיך דערוויטערט ווי ווייט איך האב געקענט - שוין, איך האב געהייסן א יאר, א רבי!

נאר וואס דען, אז מען דרייט זיך אביסל ביים רבי'נס נאמען - - חרטה האבן - - אבער וויסן אז מען וועט פרעגן, מען וועט פרעגן!

איך בין געווען א מלמד, איך האב זיך געהיט - אבער ביי מלומדות פאלט מען דורך, די קינדער זענען נישט אזוי אפגעהיט ווי מען דארף, דאס איז אויך א משא-ומתן[כד].

באקן מצות אין אומאן איז אויך א משא-ומתן. ברוך השם, איך געדענק די אלע זאכן גוט! איך דארף האבן ווידוי דברים פאר די אלע זאכן, אבער עס איז א משא-ומתן! מען וועט פרעגן: דו האסט געבאקן מצות, האסטו געהיטן ווי מען דארף?! מען וועט פרעגן!

מען וועט יעדן איינעם פרעגן; און א ישיבה מאן איז אויך דאס אייגענע - יעדער איינער האט זיך זיין משא-ומתן!

❖

## "זכור ואל תשכח את אשר הקצפת..."

עס שטייט אין די 'שש זכירות': יציאת מצרים, שבת, עגל, נעשה-ונשמע - איז אויך דא א זכירה: "זכור ואל תשכח את אשר הקצפת את ה' אלקיך במדבר" - פארגעם נישט.

---

[כד] עי' מ"ש בשיחות הר"ן, ר"מ: "שמעתי מר"א מטעפליק שאמר לו לענין מה שרצון רבנו זכרונו לברכה לא היה שיהיה מלמד כנ"ל, וכו'... ופעם אחת דיבר עם אחד מאנשיו שהיה מלמד. ושאל אותו כמה יש לך שכר לימוד לזמן? השיב לו: כך וכך. וחשב עמו כמה עולה על יום, בודאי עולה סך מועט מאד. ואמר לו: אם כן תחשוב עוד כמה עולה על שעה אחת שכר לימוד, בודאי לא יעלה כי אם דבר שיבוש. אם כן כשאתה מבטל שעה אחת מלימודך, אתה אובד עולם הבא בשביל דבר שיבוש בשביל גדול אחד או שנים. אבל כשתעשה משא ומתן ותיגזל חלילה את חבירך בהמשא ומתן איזה דבר שיבוש גדול אחד או שנים על ידי איזה אונס, מחמת שאי אפשר ליזהר ולדקדק על פרוטה אחת, בוודאי ימחל לך. אבל השעה שאתה מבטל מלימודך, בודאי אין הבעל הבית מוחל לך בשום אופן!".

א זכירה איז דא, אז דו ביסט געווען ביים בארג חורב, געזאגט נעשה ונשמע, און אז מען האט מקבל געווען דעם שבת, יציאת מצרים - דאס איז גוטע זאכן; און א זכירה איז דא (מצד השני:) "זכור ואל תשכח את אשר הקצפת" אז דו האסט געמאכט דעם עגל, דו זאלסט נישט פארגעסן אז דו האסט דערצערנט דעם אויבערשטן מיט אן עגל.

דער עגל איז שוין געמאכט געווארן פאר עטליכע טויזנט יאר (צוריק), זעהען מיר: אז מען האט אמאל דערצערנט דעם אויבערשטן זאלסטו נישט פארגעסן אז דו האסט דערצערנט דעם אויבערשטן - זכור ואל תשכח! פארגעס נישט! ממילא, אז מען פארגעסט נישט, האט מען חרטה!

מען זעהט אז מען דערמאנט אז מען האט געזאגט נעשה ונשמע - מען דערמאנט די זאך אויך - א גוטע זאך. ווייל מען דארף געדענקעןביידע זאכן: דאס גוטס וואס איך האב געטאן; און אז מען האט אויך דעם אויבערשטן דערצערנט - דאס דארף מען אויך געדענקען!

אז א מענטש וויל אביסל בלאזן פון זיך (להתגאות, אזי יזכיר עצמו:) - וואס בלאזן זיך? זעה אז דו האסט א פעקל אונטער זיך - בלאז נישט; און אז דו ווילסט אראפפאלן ביי זיך, געדענק דעם הר סיני, אז דו האסט געזאגט 'נעשה-ונשמע' - פאל נישט אראפ ביי זיך, דו האסט גוטס אויך.

אבער אז דו ווילסט זיך אביסל געבן א הייב? א 'קופה של שרצים' הענגט פון אונטן[כה], נעם זיך נישט איבער!

דאס איז דער ענין פון זיך מיישב זיין פאר דעם אויבערשטן[כו]. אז מען האט ישוב הדעת, העלפט דער אויבערשטער אז מען האט א זכרון, דערמאנט מען זיך צוריק מיט פופציג יאר אויך.

און כאטש איך האב איצטער אויך א גוט פעקל, אבער בכח וואס מען רעדט פאר דעם אויבערשטן דיבורים - דער אויבערשטער האט רחמנות - ער דארף דאך טאן

---

[כה] עי' גמ' יומא כב: "אמר רב יהודה אמר שמואל מפני מה לא נמשכה מלכות בית שאול מפני שלא היה בו שום דופי דאמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יהוצדק אין מעמידין פרנס על הציבור אלא אם כן קופה של שרצים תלויה לו מאחוריו שאם תזוח דעתו עליו אומרין לו חזור לאחוריך".

[כו] עי' ליקו"מ תנ' סי' י', ובשיחות הר"ן מ"ז.

תשובה - דערמאנט מען אים צוריק מיט זעכציג יאר, מיט זיבעציג יאר - דאנק איך דעם אויבערשטן וואס דו האסט מיר דערמאנט אז איך דארף די זאך אויך אויסרעדן פאר דיר!

דו האסט צוריק מיט זיבעציג יאר געטוהן די זאך, מיט זעכציג יאר, קיינער ווייסט נישט, אבער דער אויבערשטער ווייסט דאך יא, דארף איך אים דערציילן!

וואס ליגט אין דעם ווארט "זכור ואל תשכח את אשר הקצפת" - 'פארגעס נישט אז דו האסט דערצערנט דעם אויבערשטן'? אז דו זאלסט האבן חרטה!

ממילא, אז דער בעל דבר וויל מיר מאכן פאר א בעל גאוה'ניק? (געדענק) 'איך האב אזא פעקל'! א מענטש דארף תמיד טראכטן טאמער האב איך נאכנישט געטאן קיין תשובה![כ]

נאר וואס דען? דעם רבי'נס זאך איז, נישט זיין מרה שחורה'דיג! נאר וואס דען? טאמער ווילסטו זיך גיבן א בלאז, געדענק אז דו האסט א פעקל אונטער זיך - בלאז נישט! אבער אראפפאלן ביי זיך? ניין! דו האסט גוטע זאכן אין דיר אויך!

[כ] עי' ליקו"מ סי' ו'

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **יואל אלי' וועבער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל נישואי בנו החתן המופלג בתוי"ש כמר **שמעון** נ"ו
ומחותנו
מוה"ר **מרדכי ארי' פריעדמאן** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל **נישואי בתו** הכלה החשובה שתחי' נכדת רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע
החתונה תתקיים בשעטומ"צ יום ג' ויצא – ה' כסלו
באולם ווילחאוויץ – מאנסי
למזל טוב

---

מוה"ר **משה וואלדמאן** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
לרגל אירוסי בנו החתן המופלג בתוי"ש כמר **שלמה יעקב** נ"ו
ומחותנו
מוה"ר **ראובן ווייס** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל **אירוסי בתו** הכלה החשובה שתחי'
למזל טוב

---

מוה"ר **בערל וואגשאהל** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

---

מוה"ר **משה יצחק שטיינער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל נישואי בתו
למזל טוב

---

מוה"ר **יצחק מנשה שטיינפעלד** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
לרגל נישואי בנו החתן המופלג בתוי"ש
כמר **דוד מאיר** נ"ו
למזל טוב

---

מוה"ר **נתן פריעדמאן** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל נישואי בנו החתן המופלג בתוי"ש
כמר **אברהם מאיר** נ"ו
למזל טוב

---

מוה"ר **שלמה רייכמאן** הי"ו
בארא פארק יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

---

מוה"ר **יוסף בריינעס** הי"ו
ירושלים יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

---

מוה"ר **אהרן שמואל האלד** הי"ו
לינדען- ניו דשערסי יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

---

מוה"ר **ברוך שווארטץ** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
לרגל אירוסי בתו
למזל טוב

---

מוה"ר **ליפא לעווי** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

---

לעילוי נשמת מו"ה
**יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
תנצב"ה

---

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
תנצב"ה